בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון ד'

פרשת ויקה"פ - החודש תשפ"ג

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

זוּנְטָאג פַּרְשַׁת וָאֵרָא תשפ"ג אִין עִיה"ק יְרוּשָׁלַיִם תובב"א

**מִיר בְּרֶענְגֶען אַייךְ דָא דֶעם פֶערְטְן חֵלֶק פוּנֶעם שִׁיעוּר, וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי מְחַנְּכִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם זוּנְטָאג פַּרְשַׁת וָאֵרָא. יֶעדֶע עִנְיָן פוּנֶעם שִׁיעוּר פַאר זִיךְ אִיז פוּל מִיט פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכָה בְּעִנְיְנֵי חִינּוּךְ.**

### אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ רֶעדְן אֵיידְל

עֶס אִיז וִויכְטִיג פַארְ'ן מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין צוּ צוּלֵייגְן אַן אוֹיעֶר צוּ דִי שְׁמוּעֶסְן פוּן דִי קִינְדֶער, מֶען זָאל הֶערְן פוּן וָואס אוּן וִויאַזוֹי זֵיי רֶעדְן, אַזוֹי קֶען מֶען זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ רֶעדְן אֵיידְל. אַז מֶען הֶערְט אַ קִינְד זָאגְט אִיבֶּער אַ דָזְשָׁאוֹק וָואס אִיז נִישְׁט אֵיידְל, זָאל מֶען אִים זָאגְן: **"דִי דָזְשָׁאוֹק אִיז נִישְׁט אַן אֵיידֶעלֶע דָזְשָׁאוֹק"**.

### אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שְׁפְּרַאךְ

אוֹיךְ דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען קִינְדֶער צוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שְׁפְּרַאךְ; בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים נִיצְט מֶען נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער: **"מְשׁוּגֶענֶער", "צֶעדְרֵייטֶער", "עֶקְלְדִיג"**, אָבֶּער וֶוען אִיךְ מַאךְ פֵּיאוֹת פַאר מַיין דְרֵיי יֶערִיג קִינְד אוּן אִיךְ שִׁיק אִים אִין חֵדֶר, קוּמְט עֶר שׁוֹין נָאךְ צְוֵויי טֶעג אַהֵיים, אוּן שְׁרֵייט אוֹיף דִי מַאמֶע: **"מְשׁוּגֶענֶע!"** וֶוער הָאט אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דֶעם וָוארְט? דָאס הָאט עֶר גֶעהֶערְט פוּן זַיינֶע חֲבֵרִים אִין כִּתָּה, וָואס בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים גֶעבְּט מֶען נִישְׁט אַזוֹי אַכְטוּנְג צוּ רֶעדְן שֵׁיין, וַוייל קִינְדֶער זָאגְן אִיבֶּער וָואס זֵיי הֶערְן אִינְדֶערְהֵיים, וְוִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוּכָּה נו:): **"שׁוּתָא דִינוּקָא בְּשׁוּקָא"**, וָואס אַ קִינְד רֶעדְט, **"אוֹ דַּאֲבוּהָ אוֹ דְּאִימֵּיהּ"**, אָדֶער הָאט עֶר דָאס גֶעהֶערְט פוּן דֶער טַאטֶע אָדֶער פוּן דִי מַאמֶע. נָאכְדֶעם נֶעמְט מִיר אַ שְׁטִיק צַייט אוֹיסְצוּלֶערְנֶען דֶעם קִינְד אַז דִי וֶוערְטֶער נִיצְט מֶען נִישְׁט, דַארְף דֶער מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין צוּהֶערְן וְוִי אַזוֹי דִי קִינְדֶער רֶעדְן, אוּן אַרַיין לֵייגְן אִין זֵיי גֶעשְׁמַאקֶערְהֵייט אַז מֶען קֶען נָאר רֶעדְן שֵׁיין.

### אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען מִיטְ'ן מְנַהֵל

כְּדֵי אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין דַארְף מֶען אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען מִיטְ'ן מְנַהֵל, זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִינְאֵיינֶעם אוּן מִיטְטֵיילְן זַאכְן וָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַלֵיינְס אַן עֵצָה גֶעבְּן. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, וֶוען אַ קִינְד רֶעדְט זַאכְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט רֶעדְן, אוּן דֶער מְלַמֵּד אָדֶער דִי לֶערֶערִין וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, זָאל מֶען גֵיין פְרֶעגְן דֶעם מְנַהֵל וָואס צוּ טוּן, אוּן אַז דֶער מְנַהֵל וֶועט אוֹיךְ נִישְׁט וִויסְן וְוִי אַזוֹי דָאס צוּ הַאנְדְלֶען, קֶען עֶר מִיר שְׁרַייבְּן אוּן פְרֶעגְן וְוִי אַזוֹי מֶען בַּאגֵייט זִיךְ אִין דֶעם פַאל.

### מְחַנְּכִים אוּן עֶלְטֶערְן אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען

בַּיי 'חִינּוּךְ' דַארְפְן דִי מְחַנְּכִים אוּן עֶלְטֶערְן אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען; עֶטְץ מֵיינְטְס וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט אוּנְזֶער מוֹסָד אִין אַמֶערִיקֶע הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שְׁוֶוערֶע מַעֲשִׂיוֹת? אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַסַאךְ זַאכְן וָואס הָאט מִיךְ גֶעשְׁטֶערְט, אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן אִיז גֶעוֶוען, אַז אִיךְ הָאבּ אַרַיין גֶענוּמֶען מִשְׁפָּחוֹת אוֹיךְ וָואס זֶענֶען נִישְׁט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, זֶענֶען גֶעוֶוען קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען פוּן זֵייעֶר גוּטֶע מִשְׁפָּחוֹת אוּן הָאבְּן גֶערֶעדְט מִיט דִי קִינְדֶער וֶועגְן דִי נוֹשֵׂא פוּן הָאבְּן קִינְדֶער. בְּעֶצֶם אִיז דָאס נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין נִיבּוּל פֶּה צוּ רֶעדְן וֶוען עֶס גֵייט זַיין אַ שִׂמְחָה אִין דִי מִשְׁפָּחָה, עֶס זֶענֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס יֶעדֶעס מָאל פַאר עֶס גֵייט זַיין אַ שִׂמְחָה אִין דִי מִשְׁפָּחָה רֶעדְט מֶען דֶערְפוּן מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, גְרוֹיס אוּן קְלֵיין, אָבֶּער בַּיי אוּנְז אִיז דָאס אַ זַאךְ וָואס מֶען רֶעדְט נִישְׁט מִיט דִי קִינְדֶער.

הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט מִיט דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס אַז וֶוען זֵיי הֶערְן קִינְדֶער רֶעדְן פוּן קוּמֶענְדִיגֶע שִׂמְחוֹת זָאל מֶען עֶס דֶערְשְׁטִיקְן, נִישְׁט אַז דֶער קִינְד אִיז גֶעוָוארְן אַ שֵׁגֶץ וַוייל עֶר רֶעדְט דֶערְפוּן, חַס וְחָלִילָה, בַּיי אוּנְז אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וְוִי **"שֵׁגֶץ"**, **"שִׁיקְסֶע"**, נָאר מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"עֶס אִיז נִישְׁט אֵיידְל צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט קִינְדֶער"**.

אַ דֶערְוַואקְסֶענֶער מֹחַ קֶען מֶען נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג פַארְדְרֵייעֶן, וַוייל עֶר וִויל נָאר וַוייטֶער רֶעדְן אוּן טְרַאכְטְן פוּן דֶעם, אָבֶּער אַ קִינְדְ'ס מֹחַ אִיז נָאךְ זֵייעֶר גְרָאד, אִיז זֵייעֶר גְרִינְג אִים צוּ פַארְדְרֵייעֶן, מֶען זָאגְט פַארְ'ן קִינְד: **"מֶען דַארְף רֶעדְן אֵיידְל!"** אַזוֹי וֶוערְט דִי גַאנְצֶע נוֹשֵׂא דֶערְשְׁטִיקְט אוּן זֵיי רֶעדְן מֶער נִישְׁט דֶערְפוּן.

### רֶעדְן צוּ דִי עֶלְטֶערְן

אוֹיךְ דַארְף מֶען שֵׁיינֶערְהֵייט רֶעדְן צוּ דִי עֶלְטֶערְן אַז מֶען זָאל פְּרוּבִּירְן נִישְׁט צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם, וַוייל אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וֶוערְן צֶעמִישְׁט. עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְט, מֶען דַארְף נָאר רֶעדְן מִיט זֵיי; מֶען רוּפְט אַרָאפּ דִי מִשְׁפָּחָה אוּן מֶען רֶעדְט זִיךְ דוּרְךְ, מֶען אִיז זֵיי מַסְבִּיר אַז דָאס אִיז אוּנְזֶער וֶועג וְוִי אַזוֹי מִיר פִירְן דִי מוֹסָד, יֶעדֶע טַאטֶע מַאמֶע אִיז בַּארֶעכְטִיגְט צוּ פִירְן זֵייעֶר שְׁטוּבּ וְוִי אַזוֹי זֵיי ווִילְן, אָבֶּער יֶעדֶע מוֹסָד נֶעמְט אַ גַאנְג וְוִי אַזוֹי עֶס זָאל זִיךְ פִירְן, דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן זֶען נִישְׁט אַוֶועקְצוּמַאכְן אָדֶער זָאגְן אַנְדֶערְשׁ פוּן וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע.

דֶער מְלַמֵּד .. נֵרוֹ יָאִיר שְׁרַייבְּט מִיר יֶעדְן טָאג - פוּן וֶוען דִי מוֹסָד הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט - אַ בְּרִיוו, [דָאס הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז נָאךְ אַ חוֹדֶשׁ צְוֵויי וֶועט עֶר זִיךְ אָפְּקִילְן אוּן מֶער נִישְׁט שְׁרַייבְּן טֶעגְלִיךְ, אָבֶּער עֶר שְׁרַייבְּט מִיר וַוייטֶער טֶעגְלִיךְ אַ בְּרִיוו] מִיט אַ בַּארִיכְט וָואס טוּט זִיךְ אִין חֵדֶר פוּן טְבֶרְיָה, יֶעדֶעס מָאל הֵייבְּט עֶר אָן דִי בְּרִיוו מִיט דֶעם לָשׁוֹן: **"לִכְבוֹד הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה, הַמַּדְרִיכֵינוּ בְּדֶרֶךְ אֱלֹקִים חַיִּים"**.

קֶענְט עֶטְץ נִיצְן דֶעם אוֹיסְדְרוּק פַאר דִי עֶלְטֶערְן, זָאגְט: מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט מַאכְן אַ מוֹסָד עֶס זָאל זִיךְ פִירְן פּוּנְקְט וְוִי אַזוֹי דוּ ווִילְסְט זִיךְ פִירְן מִיט דַיינֶע טֶעכְטֶער, אוֹיסֶער אוֹיבּ דִי מוֹסָד אִיז גֶעמַאכְט נָאר פַאר דַיינֶע טֶעכְטֶער... אָבֶּער אַז מֶען נֶעמְט זִיךְ צוּזַאם עֶטְלִיכֶע מִשְׁפָּחוֹת, הָאט יֶעדֶער אֵיינֶער אַן אַנְדֶערֶע שְׁנִיט וְוִי אַזוֹי עֶס זָאל זִיךְ פִירְן, פַאר דֶעם בַּאדֶערְט דָאס אוּן פַאר דֶעם בַּאדֶערְט יֶענְץ, דֶער ווִיל אַזוֹי אוּן יֶענֶער ווִיל אַנְדֶערְשׁ, קֶען מֶען דָאךְ

פארזעצונג אין עמוד ב' <<<

# שִׁעוּרִים אִין חִנּוּךְ

זונטאג פרשת וארא תשפ"ג אין עיה"ק ירושלים תובב"א

>>> פארזעצונג פון עמוד א'

נִישְׁט מַאכְן אַז דֶער מוֹסָד זָאל שְׁטִימֶען אִינְגַאנְצְן לוֹיט יֶעדְן אֵיינֶעם, דַארְף מֶען נֶעמֶען אַ שְׁנִיט וִוי אַזוֹי דִי מוֹסָד זָאל זִיךְ פִירְן, אוּנְזֶער מוֹסָד הָאט אֵיינֶער וָואס אִיז אוּנְז **"מַדְרִיךְ בְּדֶרֶךְ אֱלֹקִים חַיִּים"**, אוּנְזֶער מוֹסָד פִירְט זִיךְ אוֹיפְ'ן שְׁנִיט וִוי אַזוֹי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז אוּנְז מַדְרִיךְ.

### מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין מִיט גָאר לַאנְגֶע הָאר

בַּיי יֶעדֶע סָפֵק וָואס מֶען הָאט דַארְף מֶען פְרֶעגְן, אוּן זַיין קְלָאר אוֹיף וָואס מֶען זָאל פָארְהַאלְטְן אַ קִינְד אוּן אוֹיף וָואס נִישְׁט. אִין דִי מוֹסָד וואוּ אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט הָאט מֶען פָארְגֶעהַאלְטְן אוּן פַארְשֶׁעמְט וֶוער עֶס אִיז גֶעקוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע סָארְט גְלֶעזֶער; בַּיי אוּנְז מַאכְט מֶען נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּן דֶעם, אָבֶּער עֶס אִיז דָא זַאכְן אוֹיף וָואס מֶען מוּז זִיךְ שְׁטֶעלְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אִין בֵּית פֵיגָא אִין אַמֶערִיקֶע אַז אַ תַּלְמִידָה קוּמְט מִיט לַאנְגֶע הָאר, אֲפִילוּ עֶס אִיז צוּזַאמְגֶענוּמֶען (פָּאנִי), זָאגְט מֶען שֵׁיינֶערְהֵייט זִי זָאל זִיךְ שְׁנַיידְן דִי הָאר, מִיט שֵׁיינֶעם פּוֹעֵל'ט מֶען אַלֶעס.

### אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט

מֶען דַארְף עֶס אָבֶּער זָאגְן זֵייעֶר שֵׁיין, עֶטְס דַארְפְטְס עֶנְק אוֹיסְלֶערְנֶען דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט אִין 'הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ', מִן הַסְּתָם הָאט עֶטְץ שׁוֹין גֶעהֶערְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים דָאס וָואס אִיךְ דֶערְצֵייל, אַז אִין אָנְהֵייבּ וֶוען אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרָא"שׁ, בִּין אִיךְ אֵיינְמָאל גֶעשְׁטַאנֶען אִין גַאס נָאכְ'ן שִׁיעוּר וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעגֶעבְּן, אוּן צְוֵויי בָּחוּרִים מִיט אַ גְרוֹיסֶע טְשׁוּפּ זֶענֶען דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען, מַיין קָאפּ הָאט נָאךְ גֶעטְרַאכְט אַזוֹי וִוי מֶען טְרַאכְט וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט מְקוֹרָב צוּ אַ צַדִּיק, הָאבּ אִיךְ אַזוֹי אוּמְוֶועלְנְדִיג גֶעטְרַאכְט: **"זֵיי זֶענֶען שְׁקָצִים!"** הֶער אִיךְ וִוי אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים רוּפְן זִיךְ אָן: **"אוֹי, דָאס הַארְץ גֵייט מִיר אוֹיס, דֶער בָּחוּר אִיז נֶעבֶּעךְ אַזַא רַחְמָנוּת!"** וֶוען אִיךְ בִּין אַהֵיים גֶעקוּמֶען הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְשְׁלָאפְן בַּיינַאכְט, **'וָואס הֵייסְט דָאס הַארְץ גֵייט אוֹיס פַאר אִים? אִיז עֶר דֶען אַ אִיד?... עֶר אִיז אַ שֵׁיגֶץ!'** אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר עֶנְק וַוייל עֶטְץ זֶענְטְס שׁוֹין מְקוֹרָב, אֶפְשָׁר גֶעדֶענְק עֶטְץ שׁוֹין נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען טְרַאכְט אָנֶעם רֶבִּי'ן.

אִיךְ גֶעדֶענְק וִוי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט, **'יֶענֶער אִיז אַ "שֵׁיגֶץ!" אַ "שִׁיקְסֶע!" אַ "רָשָׁע!" אַ "פְּרִיצָה!"'** אָבֶּער וֶוען מֶען אִיז שׁוֹין מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן זֶעט מֶען שׁוֹין אַנְדֶערֶע זַאכְן, **'אִיךְ זֶע שׁוֹין אַ אִיד, אַ נְשָׁמָה'**. עֶס אִיז דָא אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אוֹיךְ דִי סָארְט מֶענְטְשְׁן שֵׁיין מַאכְן, אִיבֶּערְהוֹיפְּט אַז יֶענֶער קוּמְט לֶערְנֶען אִין אוּנְזֶער מוֹסָד אִין 'הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ', קֶען מֶען אִים נִישְׁט דֶערְוֶוערְגֶען אוּן כָּל שֶׁכֵּן אַז דֶערְוֶוערְגֶען הֶעלְפְט נִישְׁט, מֶען דַארְף נִיצְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי עֶס צוּ זָאגְן אַז יֶענֶער זָאל עֶס אָנְנֶעמֶען.

### עֶס אִיז בְּלוֹיז אַ 'קַטְנוּת הַדַּעַת'

אַ אִיד אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר, עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט, זַיין זוּן דְרֵייְדְט זִיךְ בַּיי מִיר, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעטוּן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע שִׁיךְ וְכוּ' וְכוּ', עֶס אִיז זִיכֶער אַז זַיין וַוייבּ מַאכְט אִים נִישְׁט עֶרְלִיךְ, מֶען דַארְף שׁוֹין מַאכְן אַ גֶט! הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"דַיין זוּן אִיז אַ טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן, אוּן זִי אִיז אַ טֵייעֶרֶע פְרוֹי, וַוארְט אַבִּיסְל, עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין"**, מֶען רֶעדְט דָאךְ נִישְׁט אַז דֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז אַ לֵץ, אַ מְנִיוָּול, עֶר רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה חַס וְשָׁלוֹם אוּן דִי פָּארְפָאלְק מַאכְן חָרוּב אַנְדֶערֶע, דֶער פַאל אִיז אַ פָּשׁוּט'ֶע 'קַטְנוּת הַמּוֹחִין' פוּן זֵיי, אוּן אַז מֶען וֶועט רֶעדְן צוּ זֵיי שֵׁיין, אוּן מֶען וֶועט וַוארְטְן אַבִּיסְל, וֶועלְן בֵּיידֶע וֶוערְן בֶּעסֶער.

זָאגְט מִיר דֶער טַאטֶע: **"נֵיין, עֶס אִיז גֶעפֶערְלִיךְ, עֶס אִיז אַ הִירוּס הַדָּת!"** זָאג אִים אִיךְ, אִיךְ קֶען נִישְׁט דֶעם וֶועג; אִיךְ זֶע וִוי עֶר קוּמְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, עֶר טוּט אָן תְּפִילִין, עֶר זָאגְט מִשְׁנַיּוֹת, אוֹיבּ אִיז עֶר אַ 'מְהָרֵס' אוּן אַ 'פּוֹרֵק עוֹל' פַארְוָואס זָאגְט עֶר מִשְׁנַיּוֹת?! **אַ 'מְהָרֵס' אוּן אַ 'פּוֹרֵק עוֹל' דַארְף נִישְׁט דִי מִשְׁנַיּוֹת!** אַז זַיין וַוייבּ שְׁרַייבְּט מִיר 'זִי הָאט עֶנְדִיגְט תְּהִלִּים', וָואס קֶען דֶען זַיין מִיט אִיר? **אַ 'שִׁיקְסֶע' זָאגְט נִישְׁט קַיין תְּהִלִּים!** דָאס גֵייט נִישְׁט צוּזַאמֶען, אַז זִי עֶנְדִיגְט תְּהִלִּים הָאט זִי אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה, עֶס קוּמְט בְּלוֹיז פוּן 'קַטְנוּת הַדַּעַת', זֵיי מֵיינֶען אַז נָאר אוֹיבּ מֶען וֶועט גֵיין אָנְגֶעטוּן אַזוֹי אוּן אַזוֹי וֶועלְן זֵיי זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועט מֶען וַוארְטְן אַבִּיסְל, אוּן קוּקְן גוּט אוֹיף זֵיי, וֶועט זִיךְ אַלֶעס טוֹישְׁן צוּם גוּטְן".

הֶמְשֵׁךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

# חִיזּוּק פַאר מְלַמְּדִים

אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּנֶעם 'דַף שִׁיעוּר' פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**אֵיין טָאג נָאכְ'ן דַף שִׁיעוּר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעגֶעבְּן אַ הֶערְלִיכֶע שְׁמוּעֶס אִין חִינוּךְ, אַז מֶען זָאל לִיבּ הָאבְּן יֶעדֶעס תַּלְמִיד.**

### לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן אֵיינֶעם

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט: אוֹיבּ אַ מְלַמֵּד הָאט פַיינְט אַ קִינְד, אָדֶער עֶר הָאט נִישְׁט לִיבּ אַ קִינְד, טָאר עֶר נִישְׁט אַזוֹי אַרַיין גֵיין אִין כִּתָּה. אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט אַ שִׂנְאָה אוֹיף אַ קִינְד זָאל עֶנְדֶערְשׁ גֵיין אַרְבֶּעטְן מִיט קִיכְן אָדֶער שְׁלֶעפְּן בַּאקְסֶעס, וַוייל אַ קָאךְ אוּן אַ בַּאקְס אַז מֶען הָאט עֶס פַיינְט אוּן מֶען וַוארְפְט עֶס, מֶען הַאקְט עֶס, אוּן מֶען שְׁטוֹיסְט עֶס, אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, ווִידֶער אַ קִינְד אַז מֶען הָאט אִים פַיינְט, טָאר מֶען נִישְׁט זַיין אַ מְלַמֵּד.

וָואס קֶען מֶען טַאקֶע טוּן וֶוען מֶען שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ אַ שִׂנְאָה אוֹיף גֶעווִיסֶע קִינְדֶער אַז זֵיי זֶענֶען שְׁלֶעכְטֶע קִינְדֶער וְכוּ', אַ מֶענְטְשׁ אִיז דָאךְ נִישְׁט קַיין מַלְאָךְ וָואס קֶען עֶר טוּן דֶערְצוּ? וֶועל אִיךְ עֶנְק דֶערְצֵיילְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אַלְס מְלַמֵּד אִין כִּתָּה ט'; אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן אַכְט אַזֵייגֶער, פְלֶעג אִיךְ אוֹיפְשְׁטֵיין יֶעדְן פַארְטָאגְס אוּן אַרָאפְגֵיין זֶעקְס גַאסְן פוּן מַיין הוֹיז, צוּם פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען דָארְט זֶען דִי וַואסֶער, אִיךְ בִּין דָארְט גֶעזִיצְן אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין כִּתָּה, דִי צְוֵויי דְרֵיי קִינְדֶער הָאבּ אִיךְ נִישְׁט לִיבּ, אִיךְ צִיטֶער אַרַיין צוּ גֵיין אַזוֹי אִין כִּתָּה, אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ גֵיי זֵיי מַאכְן פַאר גוֹיִם, אִיךְ גֵיי זִיךְ אוּמְגֵיין מִיט זֵיי מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע בַּאנֶעמוּנְג"**, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶס אִיז מִיר אַרָאפּ גֶעגַאנְגֶען דִי שִׂנְאָה אוֹיף אֵיין טָאג, בִּין אִיךְ אַרַיין גֶעגַאנְגֶען אִין כִּתָּה רוּאִיג, אוּן אִיךְ הָאבּ טַאקֶע לִיבּ גֶעהַאט יֶעדְן אֵיינֶעם.

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג הָאבּ אִיךְ וַוייטֶער גֶעשְׁפִּירְט אִין הַארְץ אַ שִׂנְאָה אוֹיף יֶענֶע קִינְדֶער, בִּין אִיךְ נָאכְאַמָאל גֶעגַאנְגֶען צוּם וַואסֶער, אוּן נָאכְאַמָאל גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי, בִּיז אִיךְ הָאבּ בֶּאֱמֶת לִיבּ גֶעהַאט מַיין גַאנְצֶע כִּתָּה.

### מֶען דַארְף גֵיין שְׁלָאפְן בַּאצַייטְנְס

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט נָאכְאַמָאל אִיבֶּער גֶע'חַזֶר'ט: אַ מְלַמֵּד טָאר נִישְׁט גֵיין צוּ קַיין שִׂמְחוֹת בַּיינַאכְט; אַז דוּ הָאסְט יֶעדֶע פָאר טֶעג אַן אַנְדֶערֶע פֶעטֶערְ'ס חֲתוּנָה, זָאלְסְטוּ נֶעמֶען פַאר דֶעם יָאר אַן אַנְדֶערֶע מְלַמֵּד, זָאג פַאר דִי אָפִּיס אַז דָאס יָאר קוּמְסְטוּ נִישְׁט אִין חֵדֶר, גֵיי זוּךְ אַן אַרְבֶּעט פוּן צַאמֶנֶעמֶען דִי מִיסְט פוּן דִי מִיסְט קַאנֶעס... וַוייל דִי מֶענְטְשְׁן וָואס נֶעמֶען צוּזַאם דִי מִיסְט קַאנֶעס וָואס וֶועט גֶעשֶׁען אוֹיבּ זֵיי זֶענֶען נֶעכְטְן נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן בַּאצַייטְנְס? וֶועלְן זֵיי צֶעבְּרֶעכְן נָאךְ אַ קַאנֶע...

דָאס אִיז אַן הֲלָכָה אִין שֻׁלְחַן עָרוּךְ (סִימָן רמה, סְעִיף יז), אַז אַ מְלַמֵּד פַאר קִינְדֶער מוּז זַיין אוֹיסְגֶערוּט, מֶען דַארְף שְׁלָאפְן גֶעהֶערִיג, אַז מֶען שְׁלָאפְט נִישְׁט גֶעהֶערִיג אִיז מֶען אַן (יִרְמְיָהוּ מח, י): **"עֹשֶׂה מְלֶאכֶת ה' רְמִיָּה"**. אַז דִי שִׂמְחָה אִיז אִין שְׁטָאט קֶען מֶען אַרַיין גֵיין זָאגְן 'מַזָּל טוֹב', אָבֶּער אוֹיבּ דִי שִׂמְחָה אִיז אוֹיסֶער דִי שְׁטָאט, טָאר מֶען נִישְׁט גֵיין, מֶען דַארְף גֵיין שְׁלָאפְן בַּאצַייטְנְס.

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קְלֵיין קִינְד וָואס זָאגְט לִיגְנְט?

**שְׁאֵלָה**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וִוי אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ פִירְן מִיט אַ פִיר יֶערִיג קִינְד, וָואס הַאלְט אִין אֵיין זָאגְן לִיגְנְט, אוּן מַאכְט אוֹיף מַעֲשִׂיוֹת?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשׁ"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר,**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַסאךְ מָאל הָאבְּן קִינְדֶער מוֹרָא צוּ זָאגְן דֶעם אֱמֶת, זֵיי הָאבְּן מוֹרָא אַז מֶען וֶועט זֵיי גֶעבְּן אַ שְׁטְרָאף וְכוּ', דֶערִיבֶּער מַאכְן זֵיי אוֹיף מַעֲשִׂיוֹת וָואס זֶענֶען נִישְׁט אֱמֶת; דִי עֵצָה פַאר דֶעם אִיז מֶען זָאל זָאגְן פַארְ'ן קִינְד: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זָאגְן אֱמֶת וֶועסְטוּ נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין שְׁטְרָאף, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זָאגְן לִיגֶענְט וֶועט מֶען דִיר דַארְפְן גֶעבְּן אַ שְׁטְרָאף", דֶעמָאלְט וֶועלְן זֵיי זָאגְן דֶעם אֱמֶת.

צוּם בַּיישְׁפִּיל, מֶען טְרֶעפְט אַמָאל בַּיי קִינְדֶער אַ טֵייעֶרֶע חֵפֶץ אָדֶער גֶעלְט אוּן וֶוען מֶען פְרֶעגְט זֵיי פוּן וואוּ זֵיי הָאבְּן דָאס, הֵייבְּן זֵיי אָן מַאכְן אַ מַעֲשֶׂה וְכוּ'; דַארְף מֶען זָאגְן פַארְ'ן קִינְד: "אוֹיבּ וֶועסְטוּ זָאגְן דֶעם אֱמֶת וֶועט מֶען גָארְנִישְׁט טוּן, אָבֶּער אוֹיבּ וֶועסְטוּ זָאגְן לִיגֶענְט וֶועט מֶען דַארְפְן גֶעבְּן אַ שְׁטְרָאף"; מֶען דַארְף הֶעלְפְן דָאס קִינְד זָאגְן דֶעם אֱמֶת, מֶען פְרֶעגְט: "פוּן וֶועם הָאסְטוּ דָאס גֶע'גַנָב'ט? פוּן וואוּ הָאסְטוּ דָאס גֶענוּמֶען?" בִּיז דִי אֱמֶת קוּמְט אַרוֹיס, דָאס קִינְד אִיז מוֹדֶה פוּן וואוּ עֶר הָאט דָאס גֶענוּמֶען, דֶעמָאלְט לֶערְנְט מֶען זֵיי אוֹיס צוּרִיק צוּ גֶעבְּן אוּן מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי אַז מֶען טָאר נִישְׁט גַנָב'נֶען, מֶען דֶערְצֵיילְט זֵיי מַעֲשִׂיוֹת אִיבֶּער דִי הַארְבְּקַייט פוּן גְנֵיבָה.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז חִינוּךְ אִיז אַ לַאנְגֶע אַרְבֶּעט, עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט; חִינוּךְ אִיז אַ לַאנְגֶע וֶועג אָבֶּער בַּיים סוֹף אִיז דָאס אַ קוּרְצֶע וֶועג. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (עֵירוּבִין נג:) רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָה הָאט גֶעזָאגְט: קֵיינֶער הָאט מִיר נִישְׁט אִיבֶּער גֶעקְלוּגְט אַזוֹי וִוי דֶער קִינְד וָואס הָאט מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט וֶוען אִיךְ הָאבּ אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל מִיר וַוייזְן דִי אַרַיינְגַאנְג צוּם שְׁטָאט, דֶער קִינְד הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז פַארְהַאן צְוֵויי וֶועגְן, אַ קוּרְצֶע-לַאנְגֶע וֶועג אוּן אַ לַאנְגֶע-קוּרְצֶע וֶועג; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר מֵיינְט, הָאט מִיר דֶער קִינְד מַסְבִּיר גֶעוֶוען, אַז עֶס זֶענֶען פַארְהַאן צְוֵויי וֶועגְן, אֵיין וֶועג זֶעט אוֹיס צוּ זַיין אִין אָנְהֵייבּ גְרִינְג אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער אִיז דָאס אַ לַאנְגֶע שְׁוֶוערֶע וֶועג, מֶען קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּם שְׁטָאט, נָאכְדֶעם אִיז פַארְהַאן אַ שְׁוֶוערֶע וֶועג אָבֶּער בַּיים סוֹף אִיז דָאס גְרִינְג; דָאס אִיז חִינוּךְ, וֶוער עֶס אַרְבֶּעט שְׁוֶוער בַּיים אָנְהֵייבּ, וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען קְלֵיין גֶעבְּט עֶר זִיךְ אָפּ מִיט זֵיי, אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער, עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג – דָאךְ אַרְבֶּעט עֶר מִיט דִי קִינְדֶער, וֶועט עֶר בַּיים סוֹף הָאבְּן אַ גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט, עֶר וֶועט זֶען נַחַת בַּיי זֵיי, אָבֶּער אַז מֶען נֶעמְט דִי גְרִינְגֶע וֶועג אִין אָנְהֵייבּ, מֶען אִיז נִישְׁט מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער, מֶען לָאזְט זֵיי טוּן וָואס זֵיי ווִילְן, וֶועט בַּיים סוֹף זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער.

וְעַל כּוּלָם דַארְף מֶען אַסאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער; מוֹהַרְא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט אוּן דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִילִים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִי זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זֶען אַסאךְ נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער.

...

(קונטרס עצתו אמונה חג הפסח, תש"פ)

## וִוי אַזוֹי בַּארוּאִיגְט מֶען דִי קִינְדֶער וֶוען עֶס פְלִיעֶן רַאקֶעטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע שִׁיעוּרִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן אַסאךְ כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אִיךְ וואוֹין אִין דָרוֹם אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וואוּ עֶס פְלִיעֶן אַסאךְ מָאל אַרַיין רַאקֶעטְן פוּן דִי אַרַאבֶּער, אוּן מֶען דַארְף לוֹיפְן זִיךְ בַּאשִׁיצְן. דִי קִינְדֶער וֶוערְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פַאר דֶעם, זֵיי הוֹיבְּן אָן פְרֶעגְן קַשְׁיוֹת פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט דָאס פַאר אוּנְז, אוּן דָאס גְלַייכְן. וִוי אַזוֹי אִיז מֶען מְחַזֵק דִי קִינְדֶער? וִוי אַזוֹי בַּארוּאִיגְט מֶען זֵיי? אוּן וִוי אַזוֹי בְּרֶענְגְט מֶען אַרַיין אִין זֵיי אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת בֹּא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תשׁ"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען עֶס פְלִיעֶן רַאקֶעטְן פוּן דִי אַרַאבֶּער דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין אַבִּיסְל שְׁפֶּעט צוּ בַּארוּאִיגְן קִינְדֶער וְכוּ'; דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אִין זִיךְ אוּן אִין דִי שְׁטוּבּ, אִיז דוּרְךְ רֶעדְן כְּסֵדֶר פוּן אֱמוּנָה. נָאךְ בֶּעפָאר עֶס פְלִיעֶן דִי רַאקֶעטְן וְכוּ', וֶוען עֶס אִיז אַלֶעס גוּט, אוּן אַלֶעס אִיז אִין בֶּעסְטְן אָרְדֶענוּנְג – דֶעמָאלְט דַארְף מֶען אַיינְפְלַאנְצְן אֱמוּנָה, נָאכְדֶעם וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ הָאט מֶען כֹּחַ זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן.

מֶען דַארְף אַסאךְ רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהַרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מד): "הָאֱמוּנָה תּוֹלָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם", אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָסוּק (תְּהִלִּים פט, ב): "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי", דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט, מִיט מַיין מוֹיל דֶערְצֵייל אִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה אִיז דָאס אַלֵיינְס אֱמוּנָה אוּן דָאס בְּרֶענְגְט מֶען זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה. מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען מֶען קֶען נָאר זָאל מֶען דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען פְרֶעגְט דִיר: "וֶועסְט קוּמֶען הַיינְט נַאכְט?" עֶנְטְפֶער נִישְׁט: "יָא", נָאר עֶנְטְפֶער: "מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף"; מֶען פְרֶעגְט דִיר: "וָואס מַאכְסְטוּ? וָואס הֶערְט זִיךְ?" עֶנְטְפֶער נִישְׁט: "גוּט", עֶנְטְפֶער: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", דָאס גֵייט אַרַיין צוּבִּיסְלִיךְ אִין זִיךְ, אִין דִי וַוייבּ אוּן אִין דִי קִינְדֶער, אַזוֹי פַאלְט אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים אוּן אַלֶע שְׁרֶעק.

רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג אוּן קְלֵיינְטְשִׁיג אַסאךְ דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן זֵיי נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט. וַוארְט נִישְׁט זֵיי זָאלְן עֶלְטֶער וֶוערְן; מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז קְלֵיינֶע קִינְדֶער פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט, מֶען מֵיינְט אַז חִינוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט גְרֶעסֶערֶע קִינְדֶער, מֶען שְׁפִּירְט נַארִישׁ צוּ רֶעדְן צוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה וְכוּ'; עֶס אִיז אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי, אַזוֹי וִוי מִיר וֵוייסְן דִי מַעֲשֶׂה אַז רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעכַאפְּט אַ לַאנְגֶע שְׁמוּעֶס מִיט אַ קִינְד, הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן פַארְוָואס עֶר פַארְבְּרֶענְגְט צַייט מִיט אַ קִינְד, הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן צוּפְלַאמְט אוּן גֶעזָאגְט מִיט אַ נִיגוּן: "אָט אִיז מֶען אַ קִינְד, אָט אִיז מֶען אַ בָּחוּר, אָט אִיז מֶען אַ אִינְגֶערְמַאן אוּן אָט פִירְט מֶען שׁוֹין צוּ דִי קְבוּרָה"; וִוי אֵיינֶער זָאגְט, 'וָואס זָאגְסְטוּ עֶר אִיז אַ קִינְד, אַ שָׁאד צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען צַייט מִיט אִים, מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַ דְרֵיי אוּן מֶען אִיז שׁוֹין אַן אַלְטֶער אִיד',

פארזעצונג אין לעצטע עמוד >>>

## קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

אִין דִי בְּרִיוו אָפְּטֵיילוּנְג

- אִיז גֶענוּג בְּלוֹיז צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער?
- וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אַ פַארְ'חָלוּמְ'ט קִינְד?

## חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך

פון דער ראש ישיבה שליט"א

אויף קול ברסלב

דרוקט: 1-2-4-2

שמעו ותחי נפשכם

>>> פארזעצונג פון עמוד ג

אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא קַמָּא צז:): "מַטְבֵּעַ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ – זָקֵן וּזְקֵנָה מִצַּד אֶחָד, וּבָחוּר וּבְתוּלָה מִצַּד אַחֵר", אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעהַאט אַ מַטְבֵּעַ וָואס פוּן אֵיין זַייט אִיז גֶעוֶוען אַ בִּילְד פוּן אַ אִינְגְל מִיט אַ מֵיידְל אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז גֶעוֶוען אַ בִּילְד פוּן אַן אַלְטֶער אִיד מִיט אַ אַלְטֶע אִידֶענֶע; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעלֶעבְּט מִיט דִי מַחְשָׁבָה: 'אָט אִיז מֶען אַ בָּחוּר אוּן אָט אִיז מֶען שׁוֹין אַן אַלְטֶער אִיד, אָט אִיז מֶען אַ מֵיידְל אוּן אָט אִיז מֶען אַן אַלְטֶע אִידֶענֶע'.

אַז מֶען ווִיל פוֹעֵל'ן בַּיי קִינְדֶער דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ זֵיי וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, דֶעמָאלְט אִיז אַ צַייט וָואס זֵיי זֶענֶען נָאךְ רֵיין, דֶעמָאלְט וֶוערְט אַרַיין גֶעקְרִיצְט דִי אֱמוּנָה אִין זֵיי, שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן קוּמְט אַרוֹיס זֵייעֶר אֱמוּנָה אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מוֹרָא פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (יִרְמְיָהוּ יז, ז-ח): "בָּרוּךְ הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בַּה' וְהָיָה ה' מִבְטַחוֹ", וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן, "וְהָיָה כְּעֵץ שָׁתוּל עַל מַיִם", דֶער אִיז גְלַייךְ צוּ אַ בּוֹים וָואס אִיז אַיינְגֶעפְלַאנְצְט נֶעבְּן וַואסֶער, "וְעַל יוּבַל יְשַׁלַּח שָׁרָשָׁיו", עֶר אִיז וִוי אַ בּוֹים וָואס דִי וָוארְצְלֶען זֶענֶען אַיינְגֶעטִינְקֶען אִין וַואסֶער, "וְלֹא יִרְאֶה כִּי יָבֹא חֹם", עֶס וֶועט אִים נִישְׁט שָׁאטְן קַיין הֵייסֶע טֶעג , "וְהָיָה עָלֵהוּ רַעֲנָן", דִי בְּלֶעטֶער הַאלְטְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג פְּרִישׁ, "וּבִשְׁנַת בַּצֹּרֶת לֹא יִדְאָג", וֶוען עֶס אִיז דָא אַ טְרִיקֶענִישׁ וֶועט עֶר נִישְׁט זָארְגְן, "וְלֹא יָמִישׁ מֵעֲשׂוֹת פֶּרִי", עֶר וֶועט שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְגֶעבְּן פֵיינֶע פְרוּכְט, אַזוֹי אִיז דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אוּן פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גָארְנִישְׁט וֶועט אִים נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה אוּן פְלַאנְצְט דָאס אַיין אִין זַיינֶע קִינְדֶער, וֶועט עֶר זֶען שֵׁיינֶע לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת בא, תש"פ)

## אַרַיינְלֵייגְן וַוארֶעמְקֵייט אִין דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל"א שׁוֹבָבִי"ם, י"ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד בְּקִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן דַאוֶונֶען אוֹיפְ'ן קוֹל אוּן זִיךְ שָׁאקְלֶען בַּיים דַאוֶונֶען, זֵיי זָאלְן נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן מִיט חֲבֵרִים בַּיים דַאוֶונֶען.

אִיךְ ווִיל זָאלְסְט אַרַיינְלֵייגְן וַוארֶעמְקֵייט אִין דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן זַיין וַוארֶעם צוּ דִי מִצְוֹת, נִישְׁט קַאלְט אוּן טוּן דִי מִצְוֹת מִיט אַ קַאלְטְקֵייט. זֵיי זָאלְן דַאוֶונֶען מִיט אַ בְּרֶען, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט. וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעקוּמֶען אִין בְּרֶסְלֶב וואוֹינֶען, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ ווִיל צוּרִיק מְחַדֵּשׁ זַיין דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דִי אַמָאלִיגֶע חֲסִידִים הָאבְּן גֶעדַאוֶונְט, מִיט אַ פֵייעֶר אוּן אַ פְלַאקֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה 290, פרשת תרומה תשפ"ג)

## קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט חֲבֵרִים מִיט דִי עֶלְטֶערְן

שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע קְלָארֶע שִׁיעוּרִים. אִיךְ הֶער עֶס אוֹיס יֶעדֶע נַאכְט, אוּן עֶס גֶעבְּט מִיר אֱמֶת'ע חִיזוּק אוּן חֵשֶׁק פַארְ'ן קוּמֶענְדִיגְן טָאג. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן וַוייטֶער כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נ"ט) אַז עֶס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער אַז מֶען זָאל נִישְׁט צוּפִיל שְׁפִּילְן מִיט זֵיי, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פַארְשְׁטֵיין פְּשַׁט אִין דֶעם, אוּן וִוי אַזוֹי דָאס אַרְבֶּעט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ט כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דָאס וָואס אִיר פְרֶעגְט פְּשַׁט אִין דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נט): "מְסֻגָּל יוֹתֵר לַבָּנִים לִהְיוֹת רָחוֹק מֵהֶם לִבְלִי לִהְיוֹת דָּבוּק בָּהֶם, לְשַׁעֲשֵׁעַ בָּהֶם בְּכָל פַּעַם, רַק לִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עֲלֵיהֶם כְּלָל", עֶס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר דִי קִינְדֶער מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט צוּ סַאךְ שְׁפִּילְן מִיט זֵיי אוּן זֵיי נִישְׁט צֶערְטְלֶען; אִיר ווִילְט דָאס פַארְשְׁטֵיין.

ווִיסְן זָאלְט אִיר אַז קִינְדֶער נוּצְן אוֹיס דִי שְׁוַואכְקֵייט פוּן דִי עֶלְטֶערְן; הֱיוֹת עֶלְטֶערְן הָאבְּן זֵייעֶר לִיבּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן שְׁפִּילְן זִיךְ מִיט זֵיי וְכוּ' דֶערְפַאר שְׁפִּירְן דִי קִינְדֶער וִוי דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, דָאס בְּרֶענְגְט אַז זֵיי זָאלְן טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען אוֹיף דִי עֶלְטֶערְנְס קָאפּ אוּן זֵיי נִישְׁט פָאלְגְן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לב.): "אַ לֵייבּ בְּרוּמְט נִישְׁט וֶוען מֶען גֶעבְּט אִים צוּ עֶסְן שְׁטְרוֹי, עֶר בְּרוּמְט וֶוען עֶר עֶסְט פְלֵיישׁ"; דֶער כְּלַל זָאלְט אִיר גוּט גֶעדֶענְקֶען: "וִוי מֶער מֶען גֶעבְּט פַאר אֵיינֶעם, אַלְץ מֶער שְׁטוֹיסְט עֶר נָאכְדֶעם", וִוי מֶער מֶען גֶעבְּט פַאר קִינְדֶער אַלְץ מֶער שְׁטוֹיסְן זֵיי נָאכְדֶעם דִי עֶלְטֶערְן; דֶערִיבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט צוּפִיל שְׁפִּילְן מִיט דִי קִינְדֶער וַוייל דָאס וֶועט מַאכְן אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְוַואקְסְן וְכוּ'.

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע שִׂיחָה מְקַיֵּים צוּ זַיין, וַוייל וֶוער הָאט נָאךְ אַזוֹי לִיבּ קִינְדֶער וִוי זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, דֶערְפַאר שְׁפִּילְט מֶען זִיךְ מִיט זֵיי וְכוּ' וְכוּ' אוּן דִי קִינְדֶער נוּצְן דָאס נָאכְדֶעם אוֹיס. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער קֶען מֶען זֵיי נִישְׁט לֵייגְן שְׁלָאפְן וַוייל זֵיי פָאלְגְן נִישְׁט וְכוּ' אוּן נָאכְדֶעם קֶען מֶען נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ.

נָאךְ אַ שִׂיחָה אִיז דָא פוּן רֶבִּי'ן: "אַ קִינְד קִישְׁט מֶען נִישְׁט אוּן אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען נִישְׁט"; מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר אַז דָאס גֵייט צוּזַאמֶען, וִוי מֶער מֶען קִישְׁט – דָאס הֵייסְט מֶען שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער וִוי חֲבֵרִים וֶוערְן זֵיי מֶער צֶעוִוילְדֶעוֶועט, זֵיי פָאלְגְן נִישְׁט וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי, בִּיז מֶען הֵייבְּט זֵיי אָן צוּ שְׁלָאגְן; אַז מֶען וָואלְט נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט קִישְׁן וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעדַארְפְט שְׁלָאגְן.

אוֹיבּ עֶלְטֶערְן ווִילְן מַצְלִיחַ זַיין מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער דַארְפְן זֵיי וַוייזְן פַאר דִי קִינְדֶער אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט זֵייעֶרֶע חֲבֵרִים; קִינְדֶער דַארְפְן ווִיסְן אַז טַאטֶע מַאמֶע זֶענֶען נִישְׁט זֵייעֶרֶע חֲבֵרִים. אַ וָוארְט פוּן טַאטֶע אִיז אַ וָוארְט; "יָא" אִיז "יָא", אוּן "נֵיין" אִיז "נֵיין".

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, אוּן עֶלְטֶערְן דַארְפְן פַארְגִיסְן טְרֶערְן פַאר דִי קִינְדֶער; קִינְדֶער זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְנְט צוּ בֵּיימֶער, וִוי מֶער מֶען בַּאוַואסֶערְט זֵיי מִיט תְּפִילּוֹת אַלְץ שֶׁענֶער וֶועלְן זֵיי וַואקְסְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת מקץ, תשע"ט)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בּרסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 / קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876